בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
**ק"א**

**יו"ל: ג' סיון ה'תשפ"ב**

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:

**יוסף מענדל האס**

מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443**

**(ארה"ק: 072-257-3456)**

©

כל הזכויות שמורות

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:

**Rlyb148@Gmail.Com**

ליטול חלק בהוצאות העתקות הטייפ'ס ולהדפיסם, וכמו כן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $15 יכולין להתקשר:

**להרב נחמן אשר האס**

**(+1) 845-548-1179**

# תוכן השיעור

**דעת - זה סדר טהרות**

**וישב לבן למקומו**

**אבנים טובות - גוטע רצונות!**

**אין דבר העומד בפני הרצון!**

**און אט איז ער דא!**

**קמץ אלף**

**דו ביסט מיין טאטע!**

**קריגן מוז מען אויף אים**

**א ביין אין האלז**

**התקרבותו של החסיד ר' מענדל ליטוואק**

**א געפרעגלטער איד**

**אזעלכע שוסטערס?**

**וזה בחינת העלמה**

**דער שיעור מיט דעם שווער**

**אלע סארטן מקורבים**

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:

בקו 'מערכת ברסלב'

**ארה"ק: 02.560.7387**

**ארה"ב: 646.585.2985**

**ענגלאנד: 0330.390.0487**

**בעלגיע: 03.808.1775**

**לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:**

**#2.1.2.1.1 ואח"כ #101**

בס"ד

# שיעור פרשת ויצא (ח"ב)
## שנת תשל"ו

(טייפ מס' 113#)

## דעת – זה סדר טהרות

אין דער תורה (תורה י"ב) רעדט דער רבי דא: "על-פי-רוב זענען די לומדים חולקים אויפן צדיק". פון וואנעט נעמט זיך דאס אז לומדים זאלן קריגן אויפן צדיק? זאגט דער רבי אזוי: "דאס איז א מכוון [גדול] מאת השי"ת".

מען ווייסט וואס דער רבי מיינט דא 'לומדים': רחוקים, רשעים[א].

עס איז דא א בחינת "יעקב" "ולבן"[ב]. 'יעקב' איז דער צדיק וואס ער איז מחדש חידושין דאורייתא און לערנט 'תורתו לשמה'. פארוואס הייסט ער 'יעקב'? יעקב איז א לשון: 'עקב וסוף' – (ווייל) 'וטובו גנוז ושמור וצפון לעתיד' - דאס טוב וואס

[א] וזל"ש, באות א': "**מה שאנו רואים, שעל פי הרוב הלומדים חולקים על הצדיקים, ודוברים על הצדיק עתק בגאוה ובוז, זהו מכוון גדול מאת השם יתברך**". ועיי"ש בהמשך אות ד': "**ודע, שזה מכוון מאת השם יתברך, שהקדוש ברוך הוא מפיל איזה צדיק גדול בפיו של הלמדן; היינו הלמדן דובר רעות על הצדיק, כדי שהצדיק יקח התורה שבעל פה, היינו השכינה, מהגלות שבפה הלמדן, ומעלה אותה לשרשה ממדריגה למדריגה**".

[ב] שם בהמשך (אות א'): "כי יש בחינת יעקב ולבן: יעקב הוא הצדיק המחדש חידושין דאורייתא ולומד תורתו לשמה, וטובו גנוז ושמור וצפון לעתיד, כמו שאמרו רז"ל: 'למחר לקבל שכרם' (עירובין כב.); ועל שם ששכרו לבסוף, על שם זה נקרא יעקב לשון עקב וסוף, שכרו לבסוף. ולבן הוא תלמיד חכם, ש"ד יהודי, שתורתו להתייהר ולקנטר, ותלמיד חכם כזה, נבילה טובה הימנו (ויקרא רבה א' פט"ו, עי' מתנות כהונה)".

**איז דא אין דער תורה איז אלץ אפגעהיט, דאס הייסט, ער וויל נישט פון דעם טוב גארנישט איצטער - נישט קיין כבוד, נישט קיין שום זאך; דער טוב וואס ליגט אין אים איז נאר 'שמור וצפון לעתיד'.**

(חסר, כנראה שמדבר מלָבן - תלמיד חכם שד יהודי, שתורתו להתייהר ולקנטר, ותלמיד חכם כזה נבילה טובה הימנו, שלומד בלא 'דעת'). **די ששה סדרים** (מששה סדרי משנה) **– 'חכמה' איז 'קדשים', 'דעת' איז 'טהרות'**[ג]**. וואס מיינט מען שאין בו 'דעת'? ער לערנט נישט בטהרה, ער איז נישט נזהר דארטן אין מקוה.**

**נבילה איז א 'טומאה שאינה יוצאה מגופו', און דאס איז דאך א טומאה היוצאה מגופו, דערפאר איז נבילה טובה הימנו, ווייל אויב ער לערנט אן טהרה, דאס איז א טומאה היוצאה מגופו, איז נבילה טובה הימנה - דאס איז א ווארט פונעם חוזה!**[ד]

**ברענגט דער רבי דא דעם מדרש** (ויק"ר א, טו:) **'תלמיד חכם כזה נבילה טובה הימנו'. דער מדרש זאגט עס, אויף א תלמיד חכם 'שאין בו דעת'.**

**און וואס איז דער חילוק פון 'דעם' למדן ביז 'דעם' למדן? דער למדן וואס ער הייסט 'יעקב', דאס טוב וואס איז דא אין דער תורה איז אלץ אויף לעתיד - 'למחר לקבל שכרם', איצטער נעמט ער נאר דער תורה פאר א תבלין אנטקעגן דעם יצר**

---

[ג] עי' גמ' שבת לא.

[ד] עי' בספה"ק "ביכורי אבי"ב", פר' ויקרא: "כל ת"ח שאין בו דעת נבילה טובה ממנו, **ואמר אדומ"ו הקדוש מק"ק לובלין רבי ר' יעקב יצחק זצ"ל**, משום דכתיב "והיה אמונת עתיך חוסן ישועות חכמה ודעת". וכתבו: ודעת - זה סדר טהרות, **וע"כ אמר ת"ח שאין בו דעת שילך למקוה בעת שיצטרך - נבילה טובה ממנו שצריך טהרה**". גם עי' בספה"ק "חסד לאברהם" (להרה"ק ר' אברהם המלאך), ליקוטים, מש"ש בזה"ל: "אמרינן בגמרא (ויק"ר א' טו) כל ת"ח שאין בו דעת נבילה טובה הימנו. והקשה מפני מה הנבילה טובה ממנו, ואמר דאיתא בגמרא (שבת לא.) והיה אמונת עתך חוסן ישועות חכמת ודעת, כל חד וחד מרמז על סדר שלו ודעת זה טהרות, וא"כ הפי' בגמרא כל ת"ח שאין בו דעת שאין לו טהרה במקוה, נבילה טובה ממנו, ומפני מה הנבילה טובה ממנו כי איתא בגמרא (עי' פסחים סז.) שטומאה היוצא מגופו חמור מטומאת נבילה, **וכל שאין לו טהרה במקוה הוא טומאה היוצא מגופו, לכן הנבילה טובה ממנו כי הנבילה טומאה שלה קלה מן היוצא מגופו**". גם עי' בספר בן יהוידע על מס' שבת דף לד ע"א ד"ה "יהיב ביה עיניה" וכו'.

הרע ער זאל אים ראטעווען, ער זאל אים מטהר זיין, ער זאל אים מזכך זיין. די שכר וואס מען גיט פאר תורה - דאס טראכט ער נישט איצטער, און דער טוב וואס איז דא דערפון, וועט זיין לעתיד.

מען האט אונז געגעבן א תורה אנטקעגן דעם יצר הרע זיך צו ראטעווען! די תורה איז מזכך - דאס איז מיין תורה! דאס אז מען וועט געבן שכר - דאס איז נישט מיין עסק, לעתיד וועט מען געבן שכר - אט דער דאזיגער הייסט 'יעקב'.

דער רבי זאגט ווייטער: עס איז דא צוויי צדיקים - 'צדיק עליון' און 'צדיק תחתון'[ה]. דער זוהר הקדוש ברענגט, אז דאס איז קעגן 'יוסף' 'ובנימין'. 'יוסף' איז דער צדיק עליון, און 'בנימין' איז דער צדיק תחתון. אבער דער רבי טייטש דא אויס די צוויי צדיקים - דער רבי ברענגט דעם זוהר הקדוש: 'שכינתא בין תרין צדיקיא יתבא' - די תורה שבעל פה וואס דאס איז די שכינה הקדושה - די שכינה הקדושה איז צווישן די צוויי צדיקים.

ווער זענען די צוויי צדיקים וואס די שכינה הקדושה איז ביי זיי? "צדיקים ירשו ארץ". 'ארץ' איז די שכינה הקדושה, און 'ארץ' איז 'תורה שבעל פה'. די צדיקים - דער 'צדיק עליון' און 'צדיק תחתון' - זיי ירש'ענען דעם "ארץ", זיי האבן די תורה שבעל פה.

דער רבי זאגט: "צדיקים תרי משמע". ווער זענען די צוויי צדיקים? דער צדיק שחידש את התורה שבעל פה - דאס איז דער צדיק עליון. און דער צדיק תחתון

[ה] וזל"ש בהמשך: "וזה ידוע, שאינו נקרא תלמיד חכם אלא על ידי תורה שבעל פה, כי זה שיודע ללמוד חומש אינו נקרא תלמיד חכם, אלא זה שהוא בקי בגמרא ופוסקים. וכשלומד בלא דעת, נקרא לבן, על שם ערמימיות שנכנס בו, ושונא ורודף את הצדיקים, צדיק עליון וצדיק תחתון, כי שכינתא בין תרין צדיקיא יתבא, כמו שכתוב בזוהר (ויצא קנג:, ויחי רמה:): צדיקים ירשו ארץ צדיקים תרי משמע. ושני צדיקים אלו הם: זה הצדיק שחידש זאת התורה שבעל פה, זה צדיק עליון; וצדיק התחתון, זה שלומד החידושין; ותורה שבעל פה היינו שכינתא, כמו שכתוב (בפתח אליהו): 'מלכות פה, ותורה שבעל פה קרינן לה'. וכשהשכינה הנקרא תורה שבעל פה באה בתוך תלמיד חכם שד יהודי, זה נקרא גלות השכינה, ואז יש לו פה לדבר על צדיק עתק וכו'".

איז דער וואס ער לערנט די חידושין דאורייתא. און אינדערמיט איז די שכינה - די תורה שבעל פה - צווישן די צוויי צדיקים, צווישן דעם 'צדיק עליון' וואס דאס איז טאקע די תורה שבעל פה אליין - דער צדיק המחדש, און דעם 'צדיק תחתון' וואס ער לערנט די תורה - דארטן איז דא די שכינה הקדושה.

אז די שכינה, דאס הייסט, די תורה שבעל פה, איז טאקע דא צווישן די צוויי צדיקים, איז זייער גוט; די שכינה איז אינדערמיט - האט זי א נחת רוח און א גרויסן תענוג דערפון. אבער אז זי קומט אריין אין דעם מויל פון א תלמיד חכם 'שד יהודי' - אט דאס הייסט: 'גלות השכינה' - די שכינה איז אין גלות ביי דעם תלמיד חכם שד יהודי; זי וויל גארנישט זיין ביי יענעם. (און פון דא) באקומט ער א מויל צו רעדן אויפן צדיק, ווייל די תורה שבעל 'פה' ליגט ביי אים אין מויל, האט ער א מויל צו רעדן אויפן צדיק.

זאגט דער רבי אזוי: אז דער מענטש לערנט "בקדושה ובטהרה איזה דין ופסק שחידש איזה תנא או צדיק אחר", ווערט א בחינת "נשיקין"[ו]. דער צדיק וואס ער האט מחדש געווען דער תורה האט דאך אריינגעלאזט זיין 'רוח פיו' אין דער תורה, און אז זיין 'רוח פיו' לערנט, ווערט אַן 'התדבקות רוחא ברוחא'. און דאס הייסט בחינת 'נשיקין' - עס ווערט נתדבק דער רוח פון דעם לומד מיט דעם רוח המחדש

---

[ו] שם בהמשך: "**וכשהאדם לומד בקדושה ובטהרה איזה דין ופסק, שחידש איזה תנא או צדיק אחר, על ידי זה נעשה בחינת נשיקין**. ונשיקין זה בחינת התדבקות רוחא ברוחא; כי הפסק הזה הוא דיבורו של התנא, ודיבור הוא החיות, כמו שכתוב (בראשית ב): "לנפש חיה", ותרגומו: 'לרוח ממללא'. ורוח ממללא, היינו הנפש חיה, היא באה מתורה שבעל פה, כמו שכתוב (שם א): "תוצא הארץ נפש חיה". נמצא, בשעה שמחדש התנא איזה חידוש ומדבר זה החידוש, זה הדיבור בעצמו היא בחינת התורה שבעל פה שחידש, כי משם מוצאה, כמו שכתוב: "תוצא הארץ נפש חיה". נמצא, עכשיו כשלומדים את החידוש הזה, וכשמכניסין הלימוד והחידוש בתוך פה, נמצא שמדבקין רוח הצדיק שחידש זה החידוש עם רוח ממללא, היינו עם הדיבור הלומד זה החידוש עכשיו. וזאת ההתדבקות רוחא ברוחא נקרא נשיקין. **נמצא, כשלומדין איזה הלכה שחידשו התנאים, על ידי זה נתדבק רוח התנא עם רוח הלומד, ודומה כאילו נושק את עצמו עם התנא**".

פון דעם צדיק - דער תנא קושט זיך מיט אים, ער האט א נחת רוח, ער וויל זיך מיט אים קושן.

כאטש דער צדיק איז שוין א תנא פון טויזענטער יארן, אבער אין דער תורה ליגט זיין רוח פיו, ער האט אריינגעבראכט זיין רוח הקודש אין דער תורה - דאס איז זיין 'רוח פיו', עס ליגט אין דער תורה הקדושה. און אז דער לערנט, ברענגט דער רבי ווייטער, ווערט "שפתותיו דובבות בקבר"[ז]. "שפתותיו" איז טאקע - דער 'רוח פיו' זיינער שאקלט זיך אין קבר. האט דער תנא א געוואלדיגן נחת רוח דערפון; ער איז גורם דעם תנא א נחת רוח, 'נשיקין'.

❖

## וישב לבן למקומו

דער רבי רעדט ווייטער אוים (באות ד'): אז דער אויבערשטער איז מסבב אז דער למדן, דער שד יהודי, זאל קריגן אויפן צדיק - און דער צדיק איז זיך מתבונן אין זיין קריגן: 'וואס האט ער געלערנט? פון וואספארא הלכה נעמט זיך די רייד וואס ער רעדט? ער האט געלערנט 'די' הלכה - דערפאר רעדט ער 'די' רייד'. און אזוי נעמט ער ארוים ביי אים 'דער' הלכה, און דעמאלט בלייבט ער מיט גארנישט, ווערט פון אים גארנישט.

עס שטייט טאקע דא אין היינטיגן מדרש[ח] (- פרשת השבוע, על הפסוק:) "וילך וישב לבן למקומו" - לבן איז אוועק אויף קריק. זאגט דער מדרש: וואס הייסט 'למקומו'? - אז עס איז געקומען גנבים אין דער נאכט און זיי האבן צוגענומען ביי אים אלעם -

---

[ז] שם בהמשך: "**כשאדם כשר לומד תורת התנא, אזי התנא נושק אותו והוא נושק התנא, וגורם תענוג גדול להתנא, כמו שכתוב: 'שפתותיו דובבות בקבר' וכו'**".

[ח] מדרש רבה, פר' ע"ד פט"ז.

אלע שאף וואס ער האט געהאט; ער איז נאר געבליבן מיט די שאף וואס ער האט געהאט איידער יעקב איז געקומען צו אים.

לבן איז דאך דער 'תלמיד חכם שד יהודי', און יעקב איז געווען אין א מלחמה מיט אים. לבן איז דער תלמיד חכם שד יהודי, און יעקב איז דער אמת'ער. ביי דעם לבן'ען איז געווען תורה שבעל פה - רחל (- שהיא כרחל לפני גוזזיה, עי' בפנים). און דאס איז דאך די גרויסקייט פון יעקב אבינו - וואס דייקא דארטן איז ארויס א תורה; עס איז ארויס פון דעם לבן'ען - רחל מיט לאה, ארויס!

פארוואס האט לבן געקענט ארויסהעלפן יעקב'ן? ווייל עס איז ביי אים 'נאך' געווען עפעס תורה שבעל פה - די שאף וואס איז געבליבן ביי אים דאס איז א ניצוץ פון תורה שבעל פה. האט דער אויבערשטער אזוי צוגעפירט אז מען האט צוגענומען אלעס און עס איז אים גארנישט געבליבן! אזוי ווי דער רבי זאגט דא: אז דער צדיק איז זיך מתבונן אין זיינע רייד און נעמט ביי אים אלעס ארויס - און ער בלייבט אן גארנישט.

די תורה זאגט א מעשה: יעקב האט אפגעארבעט "ארבע עשרה שנה בשתי בנותיך, ושש שנים בצאנך"[ט] און ער האט ארויסגענעמען די שאף, "עקודים נקודים וברודים"[י]. דא דעקט דער רבי אביסל אויף דער זאך - דער מדרש איז א געוואלדיגער מדרש, עס קומט גוט אויס צום פשט דא: עס איז אים גארנישט געבליבן - נאר 'למקומו', אזוי ווי ווען בשעת יעקב איז געקומען צו אים - מער נישט! אלץ ארויסגענומען פון אים - ארויסגענומען די טעכטער, ארויסגענומען די תורה שבעל פה, ארויסגענומען די אלע שאף. און דעמאלט האט לבן גארנישט געקענט טוהן, ער קען נישט אריבערגיין דעם גל.

❖

[ט] בראשית לא, מא.

[י] שם לא, יב.

# אבנים טובות – גוטע רצונות!

רבי נתן זאגט טאקע אין א הלכה[יא]: אז ג"ל איז ל"ג בעומר. ער ברענגט דעם אר"י הקדוש, אז גל איז ל"ג בעומר.

פון וואנעט איז געווארן דעם גל? דער גל איז געווארן פון די אבנים. מען האט געמאכט אבנים: 'ליקטו אבנים ויעשו גל'[יב]. זאגט רבי נתן אין א הלכה: אז אבנים מיינט מען רצונות[יג] - "אבן שלימה רצונו"[יד]. דער עיקר גל וואס ווערט אז לבן זאל נישט קענען אריבערגיין צו יעקב'ן אים שלעכטס טוהן, ווערט נאר פון א גל פון אבנים טובות, דאס הייסט - גוטע רצונות!

"ליקטו אבנים" - קלייבט אבנים און מאכט א גל, מאכט א קופע. און דאס וועט זיין אן עֵד - א קופע פון רצונות; דער גל איז אן עד אז לבן קען נישט אריבערטרעטן כל זמן דער גל וועט זיין; אז דער גל פון די אבנים טובות זענען דא, קען ער בשום אופן נישט אריבער, אזוי ווי מען מאכט א וואנט אינדערמיט - מען האט געמאכט א שבועה - ביידע, מען קען נישט. אבער אז מען צענעמט דעם גל - איז דאך אוים גל, קען ער דאך יא אריבערגיין. דארף מען נאר זעהן אז דער גל (זאל זיין שטארק). זאגט רבי נתן: אז דער גל איז פון רצונות - "אבן שלימה רצונו", פון גוטע רצונות![טו]

---

[יא] עי' ליקוטי הלכות הל' תפילין ה"ו, אות ל"ה, ובעוד כמה מקומות.

[יב] בראשית לא, מו.

[יג] עי' ליקוטי הלכות הל' שומר שכר ה"ב, אות ה'. ובפדיון בכור ה"ה, י"ז.

[יד] משלי יא, א.

[טו] עיי"ש בהלכות תפילין ה"ה, אות ל"ה, וזל"ש: "וזה בחינת עשיית הג"ל שאמר יעקב לאחיו, "לקטו אבנים וכו'". ויעשו ג"ל, **זה בחינת מה ששמעתי מפי אדמו"ר ז"ל שכל מה שהאדם מנתק עצמו ממחשבות רעות למחשבות טובות, וכל העתקה והזזה ותנועה שהאדם מזיז ומניע ומעתיק עצמו מרע לטוב, הכל מתקבץ בעת הצרה והדחק ועוזר להאדם וכו', כמבואר בדבריו ז"ל** (ליקוטי תניינא סימן מ"ח). וזה בחינת 'לקטו אבנים', בחינת אבני קודש, שהם בחינת הנצוצות הקדושים המתבררים על ידי כל הזזה ותנועה מה שמנתקים עצמן מרע לטוב, כי הנצוצות הקדושים שנפלו הם בבחינת תשתפכנה

דאס איז אויך דאס אייגענע: דאס אז עס זאל זיך דערהאלטן ביי א מענטשן דער רצון, איז אויך דורך רעדן צום אויבערשטן דיבורים![טז]

❖

## אין דבר העומד בפני הרצון!

בשעת רבי נתן איז געווארן מקורב צום רבי'ן, האט רבי נתן געזעהן ביים רבי'ן דעם "שבחי האר"י", האט ער געבעטן דעם רבי'ן דער רבי זאל אים (דאס פארלייען), האט דער רבי אים דאס פארבארגט אויף עטליכע טעג.

נאכדעם אז רבי נתן דאס אפגעבראכט, האט דער רבי געזאגט: 'וואס האסטו דארטן עפעס געזעהן?' (ענה רבי נתן:) בשעת ר' חיים וויטאל איז געווארן מקורב צום אר"י הקדוש, האט דער אר"י הקדוש אים זייער אסאך געליבט און זייער

---

אבני קודש כידוע. ובירורם הוא בבחינת ליקטו אבנים ועיקר בירורם ועלייתם הוא על ידי שמירת המחשבה בבחינת הנ"ל על ידי שמנתק מחשבתו בכל פעם מרע לטוב. ואף על פי שיש להאדם יסורים גדולים מזה ונדמה לו שכבר קשה לו לעמוד כנגדם מחמת שזה ימים רבים שיש לו יסורים מהם ועדיין לא נשקט מהם, אבל צריך לידע כי אין שום תנועה טובה נאבדת כנ"ל. וזה בחינת מה שאמר יעקב לאחיו, "ליקטו אבנים", שיקבצו וילקטו יחדיו כל האבני קודש, שהם הנצוצות הקדושים שנתבררו על ידי כל מה שהיו מנתקים עצמן בכל פעם ממחשבות רעות לטובות. **ועל ידי כל ההעתקות והזזות שנתקו עצמם מרע לטוב, ממחשבות רעות למחשבות טובות, שעל ידי זה נתבררו נצוצות הקדושים נעשה מהם גל ומחיצה להפסיק בינו לבין לבן**, שהוא בחינת המחשבות רעות כנ"ל, רק יעמוד על מקומו לעסוק בתורה ותפילה וכו', כי כולם מתקבצים ועוזרים להאדם בעת הדחק כנ"ל, היינו בתוקף התגברות הבעל דבר והסטרא אחרא, ח"ו, **וזה בחינת הגל שנעשה בין יעקב ללבן**".

ועי' מה שכתב שם בהמשך, באות ל"ז, וז"ל: "**ועל ידי זה זוכין לשבועות**, שהוא בין יום הביכורים, שאז קורין בוידוי ביכורים, ארמי אובד אבי וכו', שהוא לבן הארמי שביקש לעקור את הכל על ידי מחשבותיו הרעות, כי עיקר פגם הברית שהוא יסוד ועיקר כל התורה, הוא על ידי פגם המחשבות. ועל ידי זה מודין ומשבחין להשם יתברך שהכניסנו בגלות מצרים **והוציאנו משם על ידי כוח הצדיק בחינת משה רבינו שנותן עצות ומחזק לב ישראל בכל פעם לברוח ולהמלט ממנו אף אם כבר עבר מה שעבר. נמצא, ששבועות שהוא יום הבכורים, שהוא זמן מתן תורתנו, עיקר קדושתו על ידי הכנעת קלפת לבן הארמי**. והארה זאת מתחיל בל"ג בעמר בבחינת עד הג"ל הזה שנעשה בין יעקב ללבן וכנ"ל".

[טז] עי' ליקוטי מוהר"ן סי' ל"א, אות ז': "**ודע שלא די לאדם בהשתוקקות בלב בלבד, כי צריך האדם להוציא בשפתיו כיסופיו**, ועל זה נסדר סדר התפילות. כי על ידי השתוקקות בלב, נעשה נפש ונקודות בכוח. וכשמוציא את תשוקתו בפיו, אזי נעשה הנפש בפועל".

משבח געווען - משבח געווען. און ר' חיים וויטאל איז געווען פריער א תלמיד ביים בעל הפרדס (הרמ"ק - פרדס הרימונים), א צובראכענער איד געווען ביי זיך, א מקובל - א צובראכענער, און ער לויבט אים אזוי, ער איז גארנישט געווען געוואוינט מען זאל אים אזוי לויבן - ער לויבט אים, ער הויבט אים אלץ אויף - עפעס א 'מאור הקטן', א 'מאור הגדול'.

הכלל, ער האט אים אזוי אויפגעהויבן, אז א געוואלד! און ער איז ביי זיך געווען אזוי צובראכן. האט אים אויסגעפירט דער אר"י הקדוש: "**בעיקבתא דמשיחא - במיעוט פעולה קען מען קומען צו מדריגת רבי עקיבא!**"[יז]

פלעגן אונזערע לייט זאגן: "מיט **מיעוט פעולה - אבער אסאך רצונות!**". אונזערע לייט פלעגן צולייגן דעם ווארט: רצונות דארף מען האבן אסאך!

עס איז פארהאן נאך א זאך: פעולות קען איך דאך נאר האבן בשעת איך (בין אינעם סדר), אבער אז איך גיי אין גאס, צו ווען איך פאָר - רצון קען איך האבן! פעולות קען איך נישט דעמאלט - איך גיי דאך אין גאס, צו ווען איך שטיי אין קלייט - ווי קען איך דעמאלט טוהן פעולות? - אבער רצונות קען מען תמיד האבן, ווייל רצונות איז א זאך וואס עס ווערט נישט נפסק, דאס קען מען תמיד האבן; רצונות קען מען תמיד האבן!"[יח]

---

[יז] עי' ספר "שער הגלגולים", הקדמה ל"ח: "פעם אחת שאלתי למורי ז"ל, איך היה אומר לי שנפשי היתה כ"כ מעולה כנ"ל, והרי הקטן שבדורות הראשונים, היה צדיק וחסיד, שאין אני מגיע לעקבו. ואמר לי, דע לך, כי אין גדולת הנפש תלויה כפי מעשה האדם, רק כפי הזמן והדור ההוא. **כי מעשה קטן מאד בדור הזה שקול בכמה מצות גדולות שבדורות אחרים** כי בדורות אלו הקליפה גוברת מאד מאד לאין קץ, משא"כ בדורות ראשונים".

[יח] עי' בליקוטי הלכות בכמה מקומות בענין שהרצון חפשי תמיד, והרי מ"ש בהל' ערב ה"ג, אות ה': "וצריך כל אדם כפי מה שהוא להרגיל עצמו מאד בזה לכסוף ולהשתוקק תמיד לה' יתברך ברצון חזק ותקיף **ודבר זה יכול בוודאי כל אדם לקיים אפילו הפחות שבפחותים ואי אפשר לקלקל ולסתור עצה הזאת בשום אופן מי שירצה לקיימה, כי בשלמא כל הדברים והעצות שבעולם יכול הבעל דבר להתגבר לבלי להניח את האדם לעשותם, אבל רצון לבד זה אי אפשר לסתור בשום אופן כי יהיה איך שיהיה, אף על פי כן אני רוצה לשוב לה' יתברך ברצון חזק!**".

# און אט איז ער דא!

אז דער אויבערשטער זאל העלפן מען זאל ווערן געשטארקט מיט גוטע רצונות - דארף מען צו דעם אויך האבן אט די זאך פון 'רעדן צום אויבערשטן דיבורים'! מיר האבן פונעם רבי'ן אסאך מתנות, און דאס איז אויך א מתנה פון די מתנות! דער אויבערשטער זאל העלפן מיר זאלן האלטן די מתנה אלס א זייער חשובע מתנה - א מתנה!

דער רבי ברענגט דארטן אין דער מעשה פון די ז' בעטלערס – 'דער' בעטלער איז געווען א שטומער, 'דער' איז געווען א קרומער, 'דער' איז געווען א טויבער, 'דער' איז געווען א בלינדער - איז דאך אלץ קאליקעס. און יעדער איינער האט געגעבן די מתנה: 'דו זאלסט זיין אזוי ווי איך'. 'ער' גיט מיר א מתנה – 'איך זאל זיין בלינד אזוי ווי ער' - א גוטע מתנה... און 'ער' גיט מיר א מתנה - איך זאל זיין טויב, א מתנה איך זאל זיין שטום, איך זאל זיין אָן א האלז - וואספארא מתנות איז דאס?! (אלא הכוונה:) 'איך האב נישט אריינגעלאזט קיין איין קוק אין דער וועלט אריין'. א טויבער – 'די אלע קולות פון דער וועלט זענען נאר פון חסרונות – און ביי מיר טרעפט דער גאנצער וועלט גארנישט אן אז איך זאל הערן זייער חסרון' - אזוי ווי דער רבי רעדט דארטן אלעם ארום.

נאר ווען האט ער געשענקט די מתנות - דער בעטלער? זיי האבן חתונה געהאט - די קינדערלעך, און זיי האבן אנגעהויבן צו וויינען און צו בענקען: 'ווי נעמט מען דא דעם בעטלער וואס ער האט אונז געגעבן ברויט אין דער מדבר און ער האט אונז מחיה געווען אין דעם וואלד - ווי נעמט מען אים דא?!' און אזוי ווי זיי בענקען, קומט ער אריין: 'איך בין דא!' – און ער איז אויף זיי ארומגעפאלן און ער האט זיי געקושט...

פלעגן אונזערע לייט דא מדייק זיין: ער איז דאך פריער אויך געוועזן? מען האט דאך געמאכט א גרוב (בלויז פאר) הונדערט מענטשן - עס איז דאך נישט צוגעקומען

קיין נייע מענטשן אין דעם גרוב, איז ער דאך פריער אויך געווען אין דעם גרוב - דער בעטלער, פארוואס האבן זיי נישט געזעהן דעם בעטלער פריער - ער איז דאך געווען אויף דער חתונה? נאר אז זיי האבן געבענקט און געוויינט: ווי נעמט מען אים דא? - האט ער זיך ארויסגעוויזן!

אזוי איז מיט דער התגלות פון דעם אור הצדיק: דער צדיק איז לעבן דעם מענטשן - די מערת המכפלה איז געווען ביי עפרון'ען, און עפרון האט עס פארקויפט "בשמחה רבה", ער האט גארנישט געוואוסט וואספארא מין לעכטיגקייט עס ליגט דארטן. דאס אייגענע איז אויך אזוי: מען קען זיין ביים צדיק, און דער צדיק איז לעבן אים - און ער פילט גארנישט[יט].

אבער אז זיי האבן געבענקט און געוויינט: ווי נעמט מען אים דא? ער האט דאך אונז מחיה געווען, און ווען ער זאל דא זיין וואלטן מיר פרייליך געווען - ווי נעמט מען אים דא? ווי נעמט מען אים דא? (דעמאלט איז ער זיך מגלה:) 'איך בין דאך דא! איך בין דאך לעבן אייך!' פאלט ער זיי ארום און ער קושט זיי, און ער האלזט זיי, און ער האט זיי שוין געשענקט א מתנה. פון וואנעט האט זיך דאס גענומען? ווייל זיי האבן געבענקט: 'ווי נעמט אים מען דא?!'

א חתונה, חתן כלה, מיט אזעלכע הייליגע געדאנקען - בענקען נאכן בעטלער דעמאלט, דאס איז עפעס אנדערע געדאנקען דאס, דעמאלט איז עס גאר אן אנדער סארט חתונה און אנדערע געדאנקען, דעמאלט קומט ער אריין און ער פאלט ארום אויף זיי: איך בין דא, איך בין געקומען צו אייך!

---

[יט] עי' ליקוטי מוהר"ן סי' י"ז, אות ב', וזל"ש: "לפעמים יש שנחשך אצל אחד אור הצדיק, ואינו זוכה להבין ולראות אורו הגדול; **ואף שהוא אצל הצדיק, אינו יכול לטעום ולהבין ולראות אורו הגדול של הצדיק** שעל ידו יוכל לבוא לתכלית הטוב. **וכמו שמצינו גבי עפרון**, שמקום מערת המכפלה, שהוא שער גן עדן, שדרך שם עולין כל הנשמות, ואורו גדול מאד, אף על פי כן אצלו היה מקום חושך ואפילה, **ועל כן מכרו בשמחה רבה לאברהם**, כמובא (זהר חיי שרה קכ"ח). וכמו כן כשנחשך אור הצדיק, שהוא מאיר בכל העולמות, מכל שכן בעולם הזה, ואף על פי כן אצלו אינו מאיר כלל, אדרבא הוא חשך אצלו".

איי, ער איז דאך פריער אויך געווען? נאר פריער האבן זיי אים נישט געזעהן, איצטער זעהען זיי אים. און אזוי איז ביי יעדן איינעם; די אלע אורות זענען דא לעבן אים, נאר זיי קענען נישט אריין אין אים אז ער בעט נישט נאך זיי.

דער אויבערשטער וויל אז מען זאל אים בעטן. "ויעתר יצחק" - יצחק האט געבעטן - און שוין (איז געווען) "וַיֵעָתֶר לו ה', ותהר רבקה אשתו" - די אבות הקדושים.

❖

## קמץ אלף

ברוך השם, דער אויבערשטער זאל אונז העלפן מיר זאלן זיך באנייען צו גיין אין דעם הייליגן חדר פונעם רבי'ן. דער רבי רעדט אין תורה ס"ו, פון דעם אל"ף, און דער רבי רעדט דארטן פון די 'תשע נקודות' - פון קמץ ביז שורוק. האט רבי נתן געזאגט: "**דער רבי לערנט מיט אונז: 'קמץ אלף'!**". דער רבי רעדט אין דער תורה פון 'אלף' און פון 'קמץ'[כ]. אז מיר גייען אריין אין דעם חדר פונעם רבי'ן, דארף איך זיך נישט איינרעדן אז איך בין שוין אן אלטער חסיד.

מען דארף מקיים זיין די עצות פונעם רבי'ן (אזוי ווי) איך בין איצטער געווארן מקורב: וואס זאגט דער רבי? וואס לערנט ער מיר? וואס זאגט ער מיר? וואס איז מיין תכלית? וואס קען מיך צופירן צום תכלית?[כא]

---

[כ] עי' שיש"ק (חדש) ח"ב, רנ"ז.

[כא] עי' בעלים לתרופה מכתב רפ"ו, מש"ש לבנו רבי יצחק: "החיית את נפשי במה שהזכרת שמחיה אותך **קמץ אלף**. ובאמת צריכין להתחיל ללמד עמך ועם כולנו מחדש **קמץ אלף**. בכל תורה ותורה שגילה הוא ז"ל". גם עיי"ש במכתב שנ"א: "והחיית אותי גם כן במכתבך שקראתיו היום שנית במה שכתבת שצריכין להתחיל מחדש **קמץ אלף** וכו'. כן הדבר בוודאי **מי יתן שנזכה לילך בזה כל ימינו בכל מה שיעבור עלינו**, איך שיהיה איך שיהיה נזכה בכל יום ובכל עת להתעורר מחדש. כי זה העיקר שבכל העיקרים שהזהירנו על זה בפרשת קריאת שמע אשר אנכי מצוך היום בכל יום ויום יהיו בעיניך

אין 'דער' תורה (סי' י"ב הנ"ל), רעדט דער רבי פון 'וישק יעקב לרחל'. מען זעצט זיך אוועק לערנען תורה שבעל פה - גמרא, משניות, וואס מען לערנט נאר, און מען דערמאנט זיך אין דער תורה פון רבי'ן: 'איצטער גיי איך זיך קושן מיטן תנא! און דער תנא וויל דאך האבן נחת רוח פון מיין קושן זיך - ווען? אז מען לערנט בקדושה בטהרה!' - און מען דערמאנט זיך נאר אין דער זאך אליין - אז ווען איך לערן תורה ווערט נתדבק דער 'רוח פי' מיט דער 'רוח התנא', און אז דאס איז א בחינת 'נשיקין' – "שפתותיו דובבות בקבר"! ווען'זשע? אז איך לערן מיט (בקדושה ובטהרה) האט מען דאך שוין עפעס א רצון טוב און א שטיקל בענקאכטס דערצו אליין[כב]. און דער רבי האט דאך געהייסן מאכן פון תורות תפילות![כג]

❖

## דו ביסט מיין טאטע!

דער רבי האט אמאל גערעדט (ממעלתו המופלגת) - עס שטייט אין חיי מוהר"ן[כד] - און געוועגטליך (- פארשטייט זיך) אונזערע לייט זענען געווארן זייער דערשראקן (- התפעלו) פון די געוואלדיגע השגות פונעם רבי'ן. האט דער רבי אויסגעפירט - א

---

כחדשים כמו שאמרו רז"ל, **וכן בתחילת מתן תורה כתיב ביום הזה באו מדבר סיני ופירוש רש"י שבכל יום ידמה כאילו היום הזה קבלת התורה**, וכן פירוש רש"י כמה פסוקים בתורה כמו היום הזה נהיית לעם וכו' וכן הרבה, ורביז"ל צעק אלו התבות בקול עמק וחזק **"אלט טאר מען ניט זיין"**.

[כב] עי' ליקוטי עצות ערך 'תלמוד תורה' אות י"ג (ע"פ התורה הנ"ל): **"צריך לידע קודם לימודו שבשעה שיושב ללמד הצדיק שבגן עדן ציית לקליה, וצריכין לקשר את עצמו עם התנא או הצדיק שחידש וגילה זאת התורה שלומד, ועל ידי זה נעשה נשיקין בחינת התדבקות רוחא ברוחא, וגורם תענוג גדול להתנא. ועל ידי זה יזכה לתשובה לחדש ימיו שעברו בחושך**, וכל זה כשלומד תורה לשמה כדי לקיים מצות תלמוד תורה ששקול כנגד כולם, ולזכות לקיום התורה על ידי זה".

[כג] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' כ"ה.

[כד] אות שצ"ז, וזל"ש: "פעם אחת סיפר מענין אמיתת מעלתו המופלגת הנוראה מאד. בתוך דבריו ענה ואמר: **"אחרי הדברים והאמת האלה בא סנחריב"**, פסוק הוא בדברי הימים ב' ל"ב, שמספר שם מעוצם צדקת יחזקיהו המלך, ואחר כך מתחיל המקרא 'אחרי הדברים והאמת האלה בא סנחריב'. והבן הדברים איך מבאר היטב בזה הפסוק שדייקא אחר גודל אמיתת צדקתו של יחזקיהו המלך, בא עליו סנחריב, והיה לו צער גדול ממנו. ומעתה אין לתמוה על גודל המחלוקת שיש על צדיקים אמיתיים".

**פסוק איז דא אין דברי הימים: "אחרי הדברים והאמת האלה בא סנחריב". אינדרויסן איז דא אזא התנגדות - און דא ברענט אזא מין פייער דקדושה, עס קאכט זיך, עס ברענט. "אחרי הדברים והאמת האלה בא סנחריב" - נאך אזא מין סארט התעוררות - טוט זיך אינדרויסן, מען רייסט די ספרים און מען ברענט** (מיט התנגדות).

**ביים רבי'ן איז דאך א ריינער אמת, דער רבי טשעפעט דאך קיינעם נישט, ער טשעפעט נישט קיינעם! נאר דעם אלטן וועג! א וועג פון רעדן צום אויבערשטן דיבורים!**[כה] **רעד זיך נישט איין אז דאס איז עפעס א וועג פון גדולים און צדיקים, דאס איז דאך אזוי ווי א קינד - א קינד רעדט דאך אויך צום טאטן.**

**א קינד פון פיר-פינעף יאר - אז ער וויל עפעס** (- הוא מבקש:) **'טאטע, איך וויל עפעס', 'גיב מיר עפעס' - וואספארא נחת רוח האט דער טאטע אז דאס קינד בעט אים א זאך, און אז ווען דאס קינד וויל עפעס פון אים - לויפט דאס קינד און ער כאפט און האקט אים דערויף און דאס קינד בעט דעם טאטן: 'גיב מיר עפעס'. איז דאך דער אמת, אז דאס איז א וועג ממש גאר פון 'קמץ אלף' - אזוי ווי א קינד הויבט אָן.**

**דער אויבערשטער איז משבח דוד המלך'ן: "הוא יקראֵני אבי אתה"**[כו] **- ער האט מיך גערופן: 'דו ביסט מיין טאטע', איז דאך דאס א וועג גאר פון** (דוד המלך'ן) **וואס ליגט דא פאר מיר.**

---

[כה] עי' בספר השתפכות הנפש בהקדמה: **"הדרך הקדוש הזה הוא הדרך הישן שדרכו בה אבותינו ונביאינו ורבותינו הקדושים זכרונם לברכה מעולם!"** וכו' ...**וכן כל תלמידי הבעש"ט הקדוש זצ"ל, הלכו בדרך הזה.** עד שבא נכדו הוא אדונינו מורינו ורבינו הקדוש אור האורות אור הגנוז והצפון הרב רבי נחמן, זכר צדיק וקדוש לברכה, מברסלב בעל המחבר ספרי "לקוטי מוהר"ן" ושאר ספרים **וחידש הדרך הישן והקדוש הזה, שדרכו בו אבותינו מעולם** ...והוא האיר עינינו בחשכת אפֵילתינו ללמד אותנו דרכים ישרים איך להתנהג בזה ואמר פעם אחת לאנשיו: **תנו לבבכם לי ואוליך אתכם על דרך חדש שהוא הדרך הישן שדרכו בו אבותינו מעולם**, עייעו"ש.

[כו] תהלים פט, כז.

און דער וואס קען אוודאי אויפשטיין ביינאכט, אין דער הארת הרצון, דאס איז אויך א וועג וואס שטייט אין די ספרים - באלד אין דעם ערשטן סימן (סי' א' בשו"ע, סעי' ב'-ג'): א 'ירא שמים' שטייט אויף ביינאכט. זעהט מען אז דאס איז דער אלטער וועג. איז וואס האט ער אויפגעטוהן עפעס א נייעס? האט ער אויפגעטוהן עפעס א נייע זאך? אט דאס איז דאך געווען דער אלטער וועג - פון ווען עס האט זיך אנגעהויבן 'חסידות'; פון דעם בעל שם הקדוש דער מקור החסידות - האט זיך שוין אנגעהויבן דער וועג.

דער בעל שם איז דאך געגאנגען אויף דעם אלטן וועג - דאווענען ותיקין, און אפהיטן דער זמן, און אויפשטיין ביינאכט. און אויף דעם וועג איז דער רבי געגאנגען; ער האט נישט געביטן דעם וועג גארנישט.

(השואל: דער בעל שם טוב האט געדאוונט ותיקין?) **אזוי שטייט אין צוואת הריב"ש**[כז].

**איז דאך עפעס א געוואלד! רבי נתן האט דאך אזוי געזאגט: אזוי נישט קשה ווי אויפן רבי'ן איז נישט קשה, איז נאך נישט געוועזן; און אזא מחלוקת** (ווי אויפן רבי'ן) - **איז אויך נאך נישט געוועזן!**[כח]

---

[כז] אות ט"ז, והרי לפניך מש"ש, וז"ל: "וכגון דא צריך להודיע להרגיל בחצות לילה ולכל הפחות יזהר להיות התפלה בין בקיץ בין בחורף קודם הנץ החמה דהיינו שיהיה רוב התפלה עד קרוב לקריאת שמע קודם הנץ, **והחילוק בין קודם הנץ בין לאחר הנץ כרחוק מזרח ממערב** כי אז עדיין יכולין לבטל כל הדינים ...ע"כ אל יהא דבר זה קטן בעיניך כי גדול הוא, ובעש"ט ז"ל היה מדקדק גדול ע"ז ולפעמים כשהיה עת שלא היה לו מנין היה מתפלל ביחיד".

[כח] עי' שיש"ק (חדש) ח"א, רע"ח.

פון דעם אליין דארף מען דאך געוואלדיג זעהן דאס גרויסקייט פונעם רבי'ן, אז עס איז אזא מין גלייכער וועג און אזא מין גוטער וועג, און פאר דעם בעל דבר טאקע - אים איז עס א ביין אין האלז![כט]

דאס איז דאך טאקע דער אלטער וועג, דער אלטער אמת'ער וועג, און ווי קען ער דאס פארשווייגן?! אזוי ווי ער האט געזאגט דארטן אין דער מעשה[ל] דארטן: **אז די נשמה גייט אראפ אויף דער וועלט - וואס האב איך צו טוהן?! איך האב גארנישט וואס צו טוהן דא - אז די נשמה גייט אראפ!**

❖

## קריגן מוז מען אויף אים

איך האב געהערט פון ר' יעקב יוסף'ן, אז ער האט געהערט פון זיין טאטן - זיין טאטע איז געווען, ר' נחמן חיה'לעס. ער איז געווען דעם רבי'נס א רעכטער אייניקל. האט ער געזאגט, אז בשעת עס איז געווען די לידה פונעם רבי'ן - דער רבי איז געבוירן געווארן, ראש חודש ניסן, שבת, און די ברית איז אויך געווען שבת.

דעם אנדערן שבת - שבת הגדול [- דעמאלט איז געווען שבת דעם ערשטן טאג פסח], איז ר' ברוך'ל געווען אויפן ברית, און דער 'דגל (מחנה אפרים', אחיו). זי - דעם

[כט] עי' בליקוטי הל' ברכת הריח ה"ד, אות ל"ג, וזל"ש: וזה עיקר התגברות היצר הרע שמתגבר בכל דור ודור להסתיר ולהעלים את הצדיק האמת שבאותו הדור דייקא - **כמו שאנו רואין בחוש, שעיקר המחלוקת הוא על הצדיק שבאותו הדור ואחר כך בשכבר הימים הבאים מודים גם בזה הצדיק ואומרים שזה בוודאי היה צדיק אבל חולקים על זה הצדיק שבזה הדור שאחריו, כי בימי האר"י ז"ל היתה מחלוקת גדולה על האר"י ולא רצו להודות שימצא באותו הדור חידוש כזה שיהיה לו רוח הקודש כזה, כמובא בכתבי האר"י ז"ל. ואחר כך בכמה דורות נתקבל האר"י ז"ל והכל מודים שהיה חידוש נפלא איש אלוקַ וכו', אבל חלקו על צדיקים אחרים שבדורות שאחריו, עד שסמוך לימינו היה הבעל שם טוב זכרונו לברכה. שהיה אור נפלא ונורא מאד, והיה עליו מחלוקת גדול. ובימי הבעל שם טוב רב המתנגדים הודו בהאר"י ז"ל. וחלקו על הבעל שם טוב זכרונו לברכה. וכן הוא בכל דור ודור. וכבר מובא מזה בספרים** (ועי' בסוף ספר נועם אלימלך מדבר שם מזה)".

[ל] מעשה ז' - "מהזבוב והעכביש" בספה"ק סיפורי מעשיות.

רבי'נס מוטער, איז דאך געווען זייער'ס א שוועסטער - פיגא. ר' ברוך'ל פלעגט רופן דעם רבי'נס מוטער: פייגעלע. און זי פלעגט אים רופן: ברוך'ל, אזוי פלעגן זיי זיך רופן.

**איז ער צוגעגאנגען נאכן ברית, זאגט ער: "פייגעלע, גאט זאל דיר העלפן דו זאלסט אים מגדל זיין לתורה לחופה ולמעשים טובים". זאגט זי: "ברוך'ל, ווינטש אים צו - מען זאל אויף אים נישט קריגן". (ענה לה:) "דאס איז פארפאלן, דאס איז פארפאלן, קריגן מוז מען אויף אים".**

דער רבי רעדט דאס אין דער מעשה: אז ווען די נשמה האט געדארפט אראפקומען אויף דער וועלט איז געקומען דער ס"מ מיט טענות: וואס האב איך צו טוהן אז די נשמה וועט אראפ אויף דער וועלט?! (האט מען אים געענטפערט:) 'די נשמה מוז אראפ - און דו גיב דיר אן עצה!'. האט ער זיך געגעבן אן עצה - געלאכט! (עיי"ש) אויסלאכן דער זאך – 'נע, משוגעים'!

❖

## א ביין אין האלז

אבער דאס דארפן מיר וויסן: אז דעם רבי'נס זאך - אן קיין שום גוזמאות - **איז דער אלטער אמת'ער וועג וואס עס בייט זיך נישט קיין 'כי-הוא-זה'!**[לא] אז מיר איז שווער מקיים צו זיין, דארף איך נישט זאגן אז עס א חסרון עפעס אין דעם וועג, אוודאי איז מיר שווער מקיים צו זיין, אן אמת'ער וועג איז שווער מקיים צו זיין, אבער דער וועג איז אמת, דאס איז דער וועג פון א אידן, אזוי דארף א איד זיין

---

[לא] אודות ענין זה עי' בספר עלים לתרופה עשרות פעמים, והרי לפניך מ"ש במכתב קנ"ט, וזל"ש: **"ולעורר לבבות בני ישראל להדריכם בדרך אשר דרכו בו אבותינו מעולם, כל עסק זה אין נמצא בעולם עתה כי אם אצלנו בעזרת השם יתברך אשר הוריש לנו אדונינו מורינו ורבינו הנורא והנשגב זכר צדיק וקדוש לברכה"**. ובמכתב קס"ד: **"גלוי וידוע לפני מי שאמר והיה העולם שאדונינו מורינו ורבינו זכרונו לברכה מדריך אותנו בדרך הישר בספריו הקדושים, בדרך אשר דרכו בו אבותינו מעולם"**.

- מיט דעם זמן פון אויפשטיין, מיט דעם זמן פון זיך לייגן, מיט דעם זמן פונעם סדר - דאס איז דער וועג, דאס איז דער וועג פון אמת.

'אמת' האט דער אויבערשטער ליב - יעדער איינער אויף זיין ערך. דער רבי זאגט בפירוש אין דער תורה "צוהר תעשה לתיבה"[לב] (סי' קי"ב): "**אפילו באיזה מדריגה נמוכה שהוא**" - אויב 'אמת', האט עס דער אויבערשטער ליב**!**[לג]

אז ער איז א מגושם'דיגער מענטש (ואעפ"כ אומר:) 'רבוש"ע, וואס זאל איך טוהן, איך בין געוואויר געווארן פון דער זאך איצטער - איך בין נאך מגושם, איך בין נאך מזוהם, האב אויף מיר רחמנות' - האט דאך דער אויבערשטער א נחת רוח פון דעם מענטש וואס רעדט פארן אויבערשטן אזעלכע דיבורים!

דער אויבערשטער וויל דאך אז אלע זאלן זיין מקורב צו אים! דער רבי ברענגט דאך אין תורה ס"ב - דעם זוהר הקדוש: "**ואתקשיטו בקישוטין דלא הוו**" - די שכינה באצירט זיך אן מיט נייע צירונגען "**בקישוטין דלא הוו**"[לד] - אזעלכע צירונגען וואס זי האט נישט געהאט פריער.

---

[לב] וזל"ש ע"פ ליקוטי עצות ערך 'תפילה' אות י"ח: "והעיקר שבתפילתו ותחינתו ושיחתו, **אף על פי שאי אפשר לו לדבר שום דיבור מגודל החושך והבלבול המסבב אותו מאד מאד מכל צד**, אף על פי כן על כל פנים יראה לדבר הדיבור באמת **באיזה מדרגה נמוכה שהוא** כגון למשל שיאמר: ה' הושיעה וכו' באמת, אף על פי שאינו יכול לדבר בחיות כראוי, אף על פי כן יכריח עצמו על כל פנים לדבר הדיבור באמת בפשיטות כפי מה שהוא. ועל ידי זה יאיר לו האמת, שיוכל להתפלל בחסדו הגדול יתברך, **ועל ידי זה הוא מתקן ומקיים כל העולמות**".

[לג] עי' בליקוטי מוהר"ן סי' ט', אות ג': "**ודע, שהכל לפי גודל האמת**, כי עיקר האור הוא הקדוש ברוך הוא, והקדוש ברוך הוא הוא עצם האמת, **ועיקר השתוקקות של השם יתברך אינו אלא אל האמת**. וזה: "ואל אמה תכלנה מלמעלה", לשון (שמואל ב י"ג): "ותכל נפש דוד". אמה היא ה' מוצאות, הכלולים מא'ש ומ'ים, **היינו שתראה שיצאו הדיבורים מפיך באמת, ואז ישתוקק הקדוש ברוך הוא מלמעלה לשכון אצלך**; וכשישכן אצלך, הוא יאיר לך. וזה: א'מה ת'כלנה מ'למעלה ראשי תבות אמ"ת, **כי על ידי אמת הקדוש ברוך הוא חומד מלמעלה לשכון עם האדם, כמו שכתוב: "קרוב ה' לכל קוראיו"** וכו'".

[לד] וזל"ש: "מתקשטת בקישוטין דלא הוו, היינו **עיקר קישוטי האמונה, כשמקרבין אצלה בני אדם שלא היו מקורבין לה**".

אנצירן דער שכינה הקדושה מיט נייע צירונגען איז (דורך) - אלץ נייע מענטשן! און אז איך אליין ווער מחודש - איז דאך אויך א נייע זאך! אז איך וויל עפעס טוהן אזא מין זאך וואס איך האב עס ביז איצטער נישט געטוהן - באנייען זיך, דאס איז אויך א נייע צירונג, האט דער אויבערשטער א נחת רוח דערפון!

דארף מען דאך האבן דעם תירוץ אליין: עס איז גארנישט קשה פארוואס ער לאקערט אזוי (הבע"ד), דאס איז אים א ביין אין האלז! אז א איד זאל זיך ציען צום אמת און נאר וועלן גיין מיטן אמת, און נישט וועלן האבן קיין רמאות, און נישט וועלן האבן צוטוהן מיט קיינעם - נאר זוכן דעם אויבערשטן מיט אן אמת - דאס איז דאך אים א ביין אין האלז! (הבעל דבר אומר:) יא, טוה אלצדינג - אבער נישט מיט דעם אמת וואס דו רייסט אייך דער וועלט מיט 'אמת' 'אמת'!

און צו דעם אמת מוז מען האבן דערצו וואס מיר האבן פריער גערעדט: רעדן צום אויבערשטן! רעדן צום אויבערשטן! דורך רעדן צום אויבערשטן דיבורים ווערט עפעס אריינגעקריצט אין דיר עפעס נקודות פון אמת: 'רבונו של עולם! וואו איז אבער פארט דער אמת?!' וואו איז אבער פ-א-ר-ט דער אמת?! איך רעד דאך צו דעם מקור האמת!

❖

## התקרבותו של החסיד ר' מענדל ליטוואק

ר' מענדעלע ליטוואק, ער האט ל"ע נישט געהאט קיין קינדער, ער איז געווען פון מאהלוב - מאגילעוו, עס איז געווען א רוסישע שטאט. (ר' נחמן בורשטיין: האמלע צו מאהלוב?) האמלע און מאהלוב איז איינס לעבן דאס אנדערע - אלץ רוסישע שטעט. ער איז געווען פון די ליטוויקעס. דאס איז געווען א שטאט פון די צייטן פון דעם "צמח צדק". זיי זענען געווען גרויסע מענטשן - גרויסע לומדים, און זיי זענען אלע געווארן אונזערע חסידים: ר' מענדלע, ר' ברוך אפרים - דער בעל "באב"י הנחל", און נאך.

(ר' חיים שלמה ראטענבערג: איינער איז געווען א 'חוזר' ביים צמח צדק?) ער איז געווען ביים צמח צדק, יא. האט איינער צוגעטראגן צו ר' מענדעלען דעם ליקוטי מוהר"ן - דער רבי ברענגט: "דַע, עס איז דא א בוים וואס וואקסט הונדערט יאר און דערנאך שיסט ער אויס!"[לה] (והלה אמר לו:) איינער א מענטש מאכט א ספר און ער האט אזעלכע מעשה'ס, א בוים, הונדערט יאר - אזוי שרייבט ער אריין אין א ספר? - ער האט עס אויסגעלאכט.

(ענה ר' מענדל:) "לאז מיר זעהן וואס שטייט פריער". ער זעהט דארטן: "מען דארף זיין אן עקשן גדול בעבודת השם!" - די תורה מ"ח, און צום סוף פירט דער רבי אויס: אז דער בוים וואס וואקסט הונדערט יאר, גייט דאך אויף אים איבער אסאך, אבער נאכדעם שיסט ער אויס! דער רבי מיינט, ווען שיסט ער אויס? לאחר הסתלקות! האט ער געזעהן פריער - איז ער געווארן מקורב דורך דער זאך.

יענער האט אים אויסגעלאכט - און ער האט איבערגעמישט דעם בלעטל צוריק: 'לאז מיר זעהן וואס שטייט פריער', און ער איז געווארן מקורב דורך דעם - פון דעם איז ער געווארן מקורב. נאכדעם איז מקורב געווארן ר' ברוך אפרים, לומדים[לו].

איז ער מקורב געווארן דערפון וואס ער האט דערזעהן עפעס אן אמת וואס ליגט דארט. ער איז געווען דעם צמח צדק'ס א חסיד - א קלייניקייט?! לומדים! ער איז געווען פון ליטא - האט מען אים גערופן ר' מענדל ליטוואק. נאכדעם איז

---

[לה] "ודע, שיש אילן, שגדלים עליו עלים, שכל עלה צריך להיות גדל מאה שנים, והוא נמצא בפרדסים של השרים, וקורין אותו בלשונם מאה שנים. ומסתמא כשגדל מאה שנים, בוודאי עובר עליו מה שעובר, ואחר כך בסוף המאה שנים הוא יורה בקול גדול כמו קני שרפה, שקורין אורמאטיע. והבן הנמשל היטב".

[לו] עי' בליקוטי מוהר"ן סי' ל"א: "כי הרב **צריך** גם כן שיהיה לו שני כוחות שיש להתורה סם חיים וסם וכו', באופן שיהיה אפשר להמתקרב אליו לקבל כרצונו, "צדיקים ילכו, ופושעים יכשלו". **אם הוא משתוקק לעבודת השם יתברך יוכל לקבל מהרב דרך ישרה לעבוד את ה'. ואם לאו וטינא יש בלבו, יוכל גם כן למצוא בהרב דבר שיקצץ בנטיעות ויכפור בכל, ח"ו**". וזה בחינת (חגיגה י"ד:) 'ארבעה שנכנסו לפרדס". ועי' בעלים לתרופה מכתב ש"ג: **"כי אין שום חידוש בעולם אפילו אם יהיה אמת ועמוק ונשגב מאד ומחיה הכל, שלא יוכלו להפכו לליצנות. והכל בשביל כח הבחירה"**.

געוועהן ר' ברוך אפרים - ער האט געמאכט דעם "באבי הנחל". און עס איז געוועהן דארטן נאך מענטשן. איינעם האב איך נאך פארכאפט: ר' שמעון - ער האט מאריך ימים געוועהן.

(ר' נחמן: עס איז געוועהן א גאנצער טיש פון זיי!) **יא יא. ער איז געוועהן אן אנדערער מענטש אין עבודה - ר' מענדעלע, אבער אז ער האט דערזעהן א בלעטל אמת - וואס דא טוט זיך - איז ער געווארן מקורב.**

עס איז געוועהן אמאל וואס מען האט זיך צוגעהערט צו זיין התבודדות, ערב ראש השנה - פון ר' מענדעלען. ער האט ל"ע נישט געהאט קיין קינדער, און ער איז געוועהן אן ארעמאן. האט ער גערעדט צום אויבערשטן דיבורים: רבונו של עולם! 'דער' האט קינדער, און 'דער' האט געלט, איך האב - נישט 'דאס', און נישט 'דאס' - **איין אשה יראת השם וויל מען ביי מיר אויך צונעמען?! דער 'יראת השם' וויל מען ביי מיר אויך צונעמען?!**

- אזוי ווי דער ארעמאן (במעשה של הבערגער ועני[לז]) - האט ער גערעדט צום אויבערשטן! געלט האט ער נישט, קינדער האט ער נישט, נו, וויל מען ביי אים דער אשה אויך צונעמען?! דער אשה יראת השם וויל מען ביי מיר אויך צונעמען?! - האט ער דאס געהאט התבודדות! (ר' נחמן: וואו? אין קלויז?) אין קלויז - געשטאנען גערעדט פארן אויבערשטן.

❖

**עס איז א פלא'דיגע זאך - דעם רבי'נס זאך: ווען עס גיט זיך עפעס אביסעלע א ריר דעם רבי'נס זאך, ווערט אינדרויסן התנגדות...[לח]**

---

[לז] מעשה י' מספה"ק סיפורי מעשיות.

[לח] עי' "נתיב צדיק" - מכתבי ר' נתן ב"ר יהודה ז"ל, מכתב קי"ד - כ"ד מנ"א תרמ"א: ..."**כמו שאמר רבנו ז"ל לאנשי לאדיזין, בעת ששאל אותם רבנו ז"ל מה נשמע במחנכם, והשיבו לרבנו ז"ל שב"ה אצלנו**

דער ענין פון הפצה איז געווען איצטער מערער, מען דרוקט מער דעם רבי'נס ספרים, ליקוטי מוהר"ן - קלענערע, גרעסערע, מיטעלע - אלע סארטן, און מען דרוקט נאך, און עס ווערן מקורב נייע אינגעלייט, נייע בחורים - איז געווארן אינדרויסן א פייער! ער (- הבעל דבר) שווייגט דאך נישט; אז א אינגערמאן ווערט מקורב, ער גייט אויף אן אמת'ער וועג - ווי קען ער שווייגן?! מאכט ער אינדרויסן א פייער אים אפצורייסן.

דאס ווייסט מען אבער - אז דער אויבערשטער העלפט! א נקודה פון אמת - דער עיקר מענטש איז דאך דאס, און דאס גלוסט מען דאך אויבן, אויבן איז דאך אן 'עלמא דקשוט', אויבן וויל מען דאך נאר אמת, דאס איז דאך פארט דער 'פלטין של אמת'![לט]

די תורה הקדושה איז טאקע תורת אמת, אבער וואס זאל מען טאהן אז מען מוז דאך האבן די אלע דיבורים און די אלע הכנות צו דעם פלטין של אמת! קיין שום נייעס איז נישט דא דערין! דאס איז דער אלטער וועג, אזוי איז געווען דער וועג פונעם בעל שם הקדוש, דער וועג פונעם מעזריטשער מגיד, אזוי איז געווען

---

**'שטיל'**, ואמר להם **שבודאי אתם ג"כ שותקים מעבודת ה'!**". ועי' "אמונת אומן" - מכתבי ר' דוד צבי דאשיווסקע ז"ל, מכתב כ"ב - יום ג' פקודי תרס"ח: ... ואודות המחלוקת שהתגברה עליכם, הלא ידוע זאת מקודם שבכל מקום שיש איזה קדושה אזי את זה לעומת זה עשה אלקים, וההכרח שיהיה הכנגד, והעיקר לעמוד על עמדו ולבלי להתבייש מפני המלעיגים ... ולידע שכך מוכרח להיות, שזה סימן שאתם עוסקים מעט בלימוד הספרים הק' ובאמירת התפילות הק', ומחמת זה בעצמו הם מתגברים כ"כ, **וכמו שיש סיפור מזקיני מו"ר ר' יודל אשר היה ממהקורבים הגדולים של רבינו ז"ל, שפ"א בא ממעדוועדיבקע לברסלב שהיה שם מחלוקת, ושאל אותו רבינו ז"ל מה נשמע אצליכם מענין המחלוקת, והשיב שנשקט מעט, וענה רבינו ז"ל ואמר לו שזה מחמת שאין אתם עוסקים בתורה ובתפלה כראוי** וכו', וד"ל. ועי' כעין זה ב"ימי מוהרנ"ת", אות פ"ו וז"ל: "כאשר התחילו דברי לעשות רושם בלב כמה אנשים, ונתעוררו לעבודתו יתברך, וראו שאש הקדושה שלו לא נכבה ח"ו, כי דבריו היו חיים וקיימים לעד, התחילו החולקים להתעורר מחדש מעט מעט, כי את זה לעומת זה עשה וכו'... בתחילה נדמה כאילו נשקט המחלוקת קצת, וזה היה כל זמן שלא נתעורר אש הקדוש שלו, **אך תיכף שהתחיל מחדש רשפי אש הקדושים שלו להבעיר באיזה אנשים, תיכף לעומת זה חזר ונתעורר המחלוקת והקטגוריא שלהם** ... ועלי ביותר, על שאני עוסק בעסק זה, להכניס תורתו הקדושה בעולם, ולקרב נפשות לדרכיו הקדושים האמתיים".

[לט] עי' בהשיחות שבסוף ספה"ק סיפורי מעשיות: 'דע, שיש שני מיני פלטין'.

דער וועג פון דעם רבי'ן ר' אלימלך - און פון די אלע תלמידים, אלץ איז געגאנגען אויף דעם וועג - אויף דעם אמת'ן וועג, גרויסע מתבודדים געווען, און (געווען אלץ פארנומען מיט) נאר נישט אפנארן זיך - א געוואלד, א געוואלד!

וואס דער אויבערשטער העלפט א מענטשן אז ער האט אין זיך מער נקודות פון אמת - אט דאס איז אינגאנצן זיין פארמעג! אז איך האב אין זיך תורה, דארף איך דאך זעהן עס זאל זיין מיט אמת - מיין תפילה זאל זיין מיט אמת, וואס איך רעד עפעס זאל זיין מיט אמת, אט דאס איז דער גאנצער פארמעג, דאס גלוסט מען אויבן.

ברוך השם, דא איז דער פלאץ וואס איז דער 'פלטין של אמת' וואס מען קען ארייגגיין אין נקודות פון אמת. אוודאי דארף מען זעהן צו מרבה זיין מיט פעולות טובות, אבער אמאל מאכט זיך מען וויל זיך פארלייגן אויף מיר, מען לאזט מיך נישט צו, דארף מען זיך ציען צום אמת: 'וואו איז אבער פ-א-ר-ט דער אמת!?' ער לאזט נישט! וואו איז אבער פארט דער אמת!?

❖

## א געפרעגלטער איד

**מען האט כמה מאל שוין גערעדט, דער רבי האט געזאגט: "דער אויבערשטער האט ליב א געפרעגלטן אידן!"**[מ].

- עס קען זיך אמאל דעם מענטשן אויסמאלן, אז איך בין א ריינער מענטש. דער רבי זאגט דארטן[מא], אז מען שטעלט צו א גלאז וואסער, א ריינעם גלאז וואסער

---

[מ] חיי מוהר"ן תקנ"ה: "אמר לי וכי אין אתה יודע מה שהשם יתברך חפץ? השם יתברך אוהב אדם מרוקח! (**גאט האט ליעב א גיפרעגילטן מענטשן**)".

[מא] שיחות הר"ן ע"ט: **"מה שכשאדם מתחיל ליכנס בעבודת השם ולהתקרב לצדיק האמת באים עליו הרהורים ובלבולים גדולים. זה כמו למשל כלי מים שמתחילה נראה כאילו המים צלולים. ואחר כך כששופתין ומעמידין המים אצל האש ומתחיל להתבשל, אזי מתבלבל המים ומעלה הרתיחה כל**

**אויפן פייער, ווערט אויבן א שוים. איז די קשיא: פון וואנעט נעמט זיך דער שוים? די גלאז וואסער איז דאך געווען א ריינע גלאז וואסער, פארוואס איז דא אויבן א שוים? דער תירוץ איז, ווייל די וואסער איז נישט געווען געקאכט, עס איז נישט געווען געפרעגלט, אז עס איז קאלט קען ער מיינען אז דאס איז ריין.**

**דער אויבערשטער האט ליב א געפרעגלטן אידן - מען הייבט אן קאכן, אביסל ווארעמען, גייט ארויף אויבן א שוים. דערנאך אז מען נעמט אראפ דעם שוים, איז טאקע ריין. דאס איז דער ענין פון דער פרעגלען וואס פרעגלט זיך, אז מען הויבט אן צו רעדן צום אויבערשטן דיבורים.**

❖

**נאך א זאך איז געווען ביים רבי'ן: ביים רבי'ן איז געווען אן ענין אז מען זאל רעדן איינער מיטן אנדערן אין יראת שמים, דאס איז פון די דריי נקודות פונעם רבי'ן[מב].**

---

**הפסולת שהיה במים ועולה כל הפסולת למעלה**. וצריך שיעמוד אחד להסיר חלאת ופסולת המים בכל פעם. ומתחילה נדמה כאילו המים צלולים לגמרי ואחר כך נראה הפסולת שבמים העולה בכל פעם למעלה ואזי כשמסירין בכל פעם חלאת ופסולת המים אזי אחר כך נשארין המים צלולים וזכים באמת כראוי. **כמו כן ממש קודם שמתחיל האדם ליכנס בעבודת ה' אזי הטוב והרע מעורבין בו ומחמת שהם מעורבים מאד אין נראה הפסולת והרע שבו כלל, כי הם מעורבים יחד לגמרי הרע עם הטוב. אך אחר כך כשמתחיל ליכנס בעבודת השם ומתקרב לצדיק האמת אזי מתחיל להזדכך ולהתברר, ואזי עולה הפסולת והרע בכל פעם למעלה כמשל הנזכר לעיל**. וצריך שיעמוד אחד שיסיר ממנו חלאתו ופסלתו בכל פעם ואזי ישאר אחר כך זך וצלול לגמרי באמת כראוי. היה אפשר להוציא הפסולת והרפש מיד מהאנשים שהיו בגשמיות מתחילה ונתקרבו להשם יתברך. אך מה יהיה, אם יהיה מוציא הרפש יוציא הרפש עם המוח מאחר שמעורב הכל יחד. על כן ההכרח להיות מתון עד שיזדכך מעט מעט".

[מב] עי' ליקוטי מוהר"ן סי' ל"ד, אות ח', וזל"ש: "שצריך כל אחד לדבר בינו לבין קונו ...**וגם צריך כל אדם לדבר עם חבירו ביראת שמים, כדי לקבל התעוררות בלבו מהנקודה שיש בחבירו יותר ממנו**, כמו שכתוב: "ומקבלין דין מן דין". ...וכל הנקודות הללו, היינו הנקודה הנקרא "פי ידבר חכמות", וגם הנקודה שיש בכל אחד מה שאין בחבירו, הם ענפים להצדיק שהוא נקודה כלליות של כל ישראל, שהכל צריכין לקבל מתחילה מהצדיק, ואחר כך יקבלו דין מן דין, וכל אחד יקבל מניה וביה". ושם באות ד': "**כי יש בכל אחד מישראל, דבר יקר שהוא בחינת נקודה, מה שאין בחבירו**. כמעשה דאביי ואבא אומנא (תענית כ"א:), שהשיבו לו, לא מצית למעבד כעובדא דאבא אומנא וכו'. **ובחינה הזאת שיש בו יותר מחבירו, הוא משפיע ומאיר ומעורר לב חבירו, וחבירו צריך לקבל התעוררות ובחינה הזאת ממנו**, כמו שכתוב: 'ומקבלין דין מן דין'".

אזוי ווי די עבודה ווי דאס ענין פון רעדן צום אויבערשטן, אזוי דארף מען האבן א חבר - רעדן איינער מיטן אנדערן, יראת שמים.

אט דאס איז דער (צורת אות) 'אלף': רעדן צום אויבערשטן דיבורים, דאס איז די נקודה עליונה. זיין אייגענער טוב וואס ער האט אין זיך, דאס איז די נקודה תחתונה. און דער וא"ו (שבתוך האות א' בשיפועה) איז דער 'חבר', און דאס איז מחבר דיביידע נקודות - די נקודה עליונה מיט דער נקודה תחתונה. רעדט דער רבי אין תורה ל"ד פון די דריי נקודות - אז מען מוז האבן א חבר.

אונזערע לייט פלעגן נאך אזוי (ווייט) זאגן: אזוי ווי התבודדות דארף מען אלע טאג, דארף מען א חבר אויך האבן אלע טאג![מג] רעדן מיט א חבר 'דיבורים' - "אז נדברו יראי השם איש אל רעהו"[מד].

(ר' חיים שלמה: ווער האט געזאגט 'וואו איז אבער פארט דער אמת'?) דער רבי האט אזוי געזאגט: וואו איז אבער פארט דער אמת - פאר רבי נתן'ען האט דאס דער רבי געזאגט: **"דארף מען זיך ציען צום אמת - וואו איז אבער פארט דער אמת!"**[מה]

עס איז געווען א מעשה מיט רבי נתן'ען, מען האט אפגערעדט מיט רבי נתן'ען אז ער וועט נישט פארן צום רבי'ן ביז חנוכה, איז ער געפארן אינמיטן דער וואך, און עס איז געווארן א רעגן אזוי. אז ער איז געקומען צום רבי'ן (אמר לו רבינו:) 'דארף מען זיך ציען צום אמת - וואו איז אבער פארט דער אמת!?'

---

[מג] עי' ליקוטי הלכות גרים ה"ג, י"ט: "וזה בחי' הערבות שכל ישראל ערבים זה בזה. **כי כ"א מישראל מחוייב לדבר עם חבירו ביראת שמים בכל יום ויום** וכמו שאנו מבקשין בכמה תפילות שנזכה ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים וכו'".

[מד] מלאכי ג, טז.

[מה] שיש"ק (חדש) ח"ב, צ"א.

(ר' נחמן: "אז מען וויל זיך מקרב זיין צום אמת, איז זיך מתגבר - ) **דער חושך - דארף מען זיך ציען צום אמת: וואו איז אבער פארט דער אמת?! וואו איז אבער פ-א-ר-ט דער אמת?!"**

(ר' נחמן: דאכט זיך מיר, ער פלעגט דערציילן - ר' בנציון אפטער, אז ר' מענדל ליטוואק האט אמאל געכאפט א שטיין פון א מתנגד אין קאפ - ) **יא,** (ונענה ואמר:) **א דימיט** (דימאנט)**... אבנים טובות!**

(אחד הנוכחים: ר' יצחק שרייבט אין די בריוו: הגם שנזרק עלינו אבנים טובים פון די אראבער, אבל היה בחסד!) **יא יא**[מו].

❖

# אזעלכע שוסטערס?

**נאשקע, עליו השלום, האט מקרב געווען איינעם א שוסטער פון טולטשין - משה שוסטער, און ער איז ארויס קיין אומאן. ער האט געוואוינט אין אומאן - א פראסטער מענטש, א שוסטער. אמאל האב איך זיך געוואלט דארטן צורעכט מאכן די שיך, בין איך אריינגעגאנגען צו אים, קיינער איז נישט געווען אין שטוב. איז געזעצן דער איד מיט אזא מין דביקות צום אויבערשטן, ער האט זיך אפגעשטעלט אינמיטן דער ארבעט.**

(חשבתי לעצמי:) **רבונו של עולם - עס איז דאך עפעס א גדול! זיצן מיט אזא מין דביקות צום אויבערשטן - א שוסטער, אפלאזן דער ארבעט, וואו האט מען דאס געזעהן? אזעלכע שוסטערס? וואו זעהט מען אזעלכע שוסטערס?!**[מז]

---

[מו] עי' במכתביו הנדפסים בסוף ספר עלים לתרופה, מכתב י"ג: "ובאנו לעיר הקודש חברון ביום ב' ערב ראש חדש (סיון) לעת ערב. ותיכף הלכנו למקוה והלכנו להתפלל מנחה אצל מקום מערת המכפלה. מה אומר מה אדבר. זה הוא ענין אחד ממש עם מקום קדשנו. ובלבי לא היה שום הפרש ביניהם, והיינו בשם לערך שתי שעות. **והגם שנזרק עלינו קצת אבנים טובים** רק היה בחסד".

[מז] עי' חיי מוהר"ן שי"ד: "שמעתי בשמו שאמר: **הפחות שבאנשי אני מוליך אותו בדרך של צדיק גדול מאד** וכו' ויקנא מאד את המקורבים אליו".

ער האט דעמאלט געפרעגט א שאלה: בשעת ער ארבעט מיט די שיך - צו מעג ער האבן דביקות צום אויבערשטן, ער רירט דאך אן די שיך - צו מעג ער? - האט ער געפרעגט א שאלה, אבער אזוי איז געווען, געזעצן א שוסטער מיט א דביקות צום אויבערשטן!

עם שטייט טאקע, אז מט"ט (חנוך איז געווען) א 'תופר מנעלים'[מח]. דער 'תם' איז אויך געווען א 'תופר מנעלים'. ת"ם מאכט – ת'ופר מ'נעלים[מט].

❖

ביי אונז איז דא אזעלכע מענטשן וואס רעש'ן נישט, און טומלען נישט - און ממש דער מענטש איז אזוי נאנט צום אויבערשטן, מיט תמימות ופשיטות, ער האט נישט אינזין אין זיך קיין שום געשעפטן, ער איז מקיים די משנה: "אם אין אני מי לי"[נ] - ווער וועט מיך אינזינען האבן? ווער וועט זאגן פאר מיר א קאפיטל תהלים? ווער וועט אויפהויבן די אויגן פאר מיר? דאס איז דאך אן אמת'ער ישוב הדעת![נא] "ואם לא עכשיו אימתי?" - און אויב נישט איצטער - ווען? א

---

[מח] מובא הרבה בספרי הקבלה. מובא גם בליקוטי הלכות הל' גטין ה"ד, אות י"ב. ועי' בספר מאירת עינים לר' יצחק דמן עכו, בפרשת לך לך וז"ל: "**ושאלתי את פי מורי הר' יהודה הדרשן אשכנזי ז"ל** מה היה עניין חנוך שעל ידו זכה לכל זה, כי עניין אליהו ז"ל ידוע, אבל חנוך למה, **ואמר שקיבל שחנוך היה אישכף, כלומר תופר מנעלים, ובכל נקיבה ונקיבה שהיה נוקב במרצע בעור, היה מברך בלב שלם ובכוונה שלימה לשם ית', וממשיך הברכה למטטרון הנאצל, ומעולם לא שכח אפי' בנקיבה אחת מלברך אלא תמיד היה עושה כן, עד שמרוב אהבה איננו כי לקח אותו אלקים** (בראשית ה') **וזכה להקראות מטטרון, ומעלתו גדולה עד מאד!**".

[מט] עי' בספה"ק סיפורי מעשיות מעשה ט' - מחכם ותם.

[נ] משניות אבות פ"א, מי"ד.

[נא] עי' שיחות הר"ן כ"ג: "שוב שמעתי שיחתו הקדושה מעין זה, שאמר בעולם הבא מונחין כמה בני אדם בחוץ והם צועקים בקול מר: תנו לנו מה לאכול! ובאין אצלם ואומרים להם: הרי לכם אכילה ושתיה - אכלו ושתו, והם משיבים: לא לא, אין אנו צריכים אכילה זאת, רק אנו צריכים אכילה ושתיה של תורה ועבודה! וכן מונחים כמה בני אדם ערומים בחוץ והם צועקים גם כן מאד: תנו לנו במה להתכסות. ובאין אצלם ואומרים: הרי לכם מלבושים, והם משיבים: לא, אין אלו מלבושים נצרכים לנו כלל. רק

**פראסטע משנה, א משנה פון אבות, די משנה איז דאך א געוואלדיגע התבודדות צו רעדן צום אויבערשטן - "אם אין אני לי - מי לי?!" אז איך דארף א גוטן חבר – דאס איז אויך גוט, אבער אז איך וועל 'זיך' נישט אינזין האבן, ווער וועט מיך אינזין האבן?!**

**עס שטייט א טייטש פון דעם בעל שם הקדוש, דער בעל שם האט אזוי געטייטשט: אז איך וועל נישט אינזין האבן נאר זיך, נאר איך וועל אינזין האבן אנדערע אויך, 'מי לי' - ווער עס וועט עפעס טוהן וועט קערן צו מיר - איך האב דאך אינזין יענעם. אבער אז איך האב אינזין נאר זיך אליין – 'מה אני'? וואס בין איך? וואס טרעף איך אן?![נב]**

**נו, דער בעל שם הקדוש האט אזוי געטייטשט. עס איז ביידע אמת. אבער בפשיטות טאקע, (אז מען האט נישט אינזין זיך) הויבט מען אן פירן מחלוקת'ן, קריגערייען, וואס קומט אלץ נישט ארויס...**

**אשתו של און בן פלת האט געזאגט צו און בן פלת: "צו אהרן וועט זיין (כהן גדול), צו קרח וועט זיין - וואס איז דיר א נפקא מינה? דיר וועט מען נישט מאכן, דו וועסט נישט זיין - וואס דארפסטו זיך מישן?!". (ענה לה:) "איך האב דאך אבער זיי געשווארירן אז איך וועל זיין מיט זיי צוזאמען". (ענתה:) "איך וועל דיר אן עצה געבן - דו לייג דיך אוועק אין בעט און שלאף. זי האט זיך צופלאָשעט די האר און געשטאנען ביים טיר, און זיי זענען דאך געווען קדושים - זענען זיי אנטלאפן. דערווייל איז געווארן נאכדעם די (בליעת קרח ועדתו) און ער איז געראטעוועט געווארן. זאגט די גמרא "חכמת נשים בנתה ביתה" - זו אשתו של און בן פלת. זי**

---

אנו צריכים מצוות ומעשים טובים להתלבש בהם. ענה ואמר: **אשרי מי שזוכה לאכל כמה פרקים משניות ולשתות אחר כך איזה קפיטליך תהלים, ולהתלבש באיזה מצוות"**.

[נב] עי' בספה"ק תולדות יעקב יוסף פר' במדבר, אות ב'.

האט אים גערעטעוועט - ארויס פון די מחלוקת'ן, ארויס פון דער קאפ-וויי פון קרח'ן[נג].

❖

## וזה בחינת העלמה

עס איז דא אזא מין העלמה אין דער וועלט! דער רבי זאגט אין תורה ס"ז: "וזה בחינת העלמה". האט ר' נחמן טולטשינער (אויס)געצויגן: 'העלמה'... ר' נחמן האט (נאכגעמאכט) אזוי ווי רבי נתן (האט אויס)געצויגן: העלמה... א העלמה... - דאס איז אזא מין העלמה אין דער וועלט. (וענה מוהרנ"ת:) **"דער אויבערשטער איז דאס חיות פון אלע וועלטן, און דער אויבערשטער איז אזוי נ-ע-ל-ם! דער צדיק איז דאך דער יסוד פון אלע וועלטן - און ער איז אזוי נ-ע-ל-ם!"** דאס איז אן העלמה! דא איז אן העלמה[נד].

די וועלט הייסט טאקע: 'עולם' - על שם ההעלמה![נה] עס איז נעלם! 'דא' איז נאר העלמה!

מען דארף גארנישט נתפעל ווערן פון קיין שום זאך! נאר דער אויבערשטער העלפט! אז מען גייט צו צו דער זאך - און מיט אן אמת, מען הויבט אן ריכטיג דעם רבי'נס עצות מיט אן אמת, אזוי קען מען האבן א האפענונג אז דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן מען זאל עפעס זוכה זיין צו א שטיקעלע אמת. און דאס איז דער עיקר דארטן - נאר מיט אמת.

רבי נתן האט אזוי פיל מנצח געווען - 'בימיו', און שפעטער, ווייל ער איז געגאנגען מיט אן אמת, און דער אמת איז קיים לעד, האט דער אויבערשטער אים

---

[נג] עי' גמ' סנהדרין קט:

[נד] עי' שיש"ק (חדש) ח"ג, תש"ל.

[נה] עי' תיקוני זוהר דף פ"ב ע"א.

געהאלפן, געוועהנטליך (- פארשטייט זיך) מרוב התבודדות, נאר וואס דען, ער איז געגאנגען מיט אן אמת'ן וועג, און אמת איז 'קיים לעד'! "השומר אמת לעולם" - דער אויבערשטער היט אפ דעם אמת! 'קושטא קאי'[נו] - דער אמת האט א קיום, דער אמת בלייבט! (אפילו) אויב עס דאכט זיך אז מען ברעכט און מען האקט אים - ער בלייבט!

מען זאל איבעררעכענען וואס אויף רבי נתן איז איבערגעגאנגען, אבער איצטער - רבי נתן האט דאך פארט אויסגעפירט! איי איצטער רעדט מען אויף רבי נתן'ען? עס איז דאך א געלעכטער למעלה! - דער מענטש איז אלע טאג מקרב אידן צום אויבערשטן! וויפיל אידן האבן הרהורי תשובה דורך זיינע ספרים? עס איז צושפרייט די ספרים! אויבן לאכט מען זיך אוים, רעדט מען: 'רבי נתן... רבי נתן'... - מען רעדט, און שוין! אבער וואס איז דא פון אים? ער איז דאך פול מיט הרהורי תשובה, א געוואלד! ער איז שוין נסתלק געווארן - עס איז שוין דא הונדערט איין-און-דרייסיג יאר פון ווען רבי נתן איז נסתלק געווארן (תר"ה - תשל"ו) - און בכל יום מאכט ער נאך בעלי תשובות!

רבי נתן האט נאך בימיו געזאגט: "איך האב שוין אסאך צדיקים אין גן עדן דורך מיינע תפילות!"[נז] היינט איז דאך אוודאי - וויפיל אידן וויינען זיך אוים דורך די תפילות צום אויבערשטן, און די ליקוטי הלכות, און אפילו די מכתבים, דאס איז דאך ממש נאר מיט דעם אמת זיינעם - מיט דעם אמת וואס ליגט אין ספר, דאס האט א קיום, דאס בלייבט, דאס קען מען נישט פארלעשן!

❖

אמאל איז אין (דער שטאט) ברסלב געווען דער מנהג, אז פאר די ארעמעלייט האט מען געגעבן דאנערשטאג א טאפ מעל, האבן זיי געהאט חלות אויף שבת.

---

[נו] גמ' שבת קד.

[נז] עי' כוכבי אור - אנשי מוהר"ן, דיבורים ממוהרנ"ת ז"ל אות כ"ה.

בשעת די גרויסע מחלוקת האט מען געזאגט, אז מען זאל אויפהערן געבן מעל פאר די ברסלב'ער חסידים, מען זאל זיי נישט געבן דעם טאפ מעל. איז דא א מכתב[נח] - רבי נתן שרייבט וועגן דעם טאפ מעל: נישט אומעטום איז דא דער מנהג פון דעם טאפ מעל, און אז מען וועט אויפהערן געבן דעם טאפ מעל, וועט ער אויך נישט זיין איבערגע'רעש'ט.

דער אמת איז דאך אזוי, די אלע רדיפות'ן איז דאך נאר צייטווייליגע רדיפות – 'לפי שעה', אבער דער 'עולם הנצחי' איז דאך אָן א גבול. דער איד וואס האט אינזין דעם תכלית - ער שרעקט זיך נישט איבער פאר די רדיפות. דארף מען טאקע זיין שטארק אין רצון, און טאקע תפילות אויך, און דער אויבערשטער האט רחמנות אז עס גייט אלצדינג איבער, און (נאר) די נקודות פון אמת בלייבט אים.

❖

## דער שיעור מיט דעם שווער

די אלע אידן פון וואס מיר רעדן - פון ר' פנחס קובליטשער, דער וואס האט דעם שווער (ר' אהרן קובליטשער) מקרב געווען - ווען ער איז געווארן מקורב האט מען אים געוואלט הרג'ענען - ממש הרג'ענען. ער איז געווען דער אינגערמאן ביי ר' דוד'ל טאלנער וואס ער פלעגט רעדן אין יראת שמים מיט די אינגעלייט - אזא אינגערמאן איז דאס געווען - דער ר' פנחס, ער איז געווען דער מבחר פון זיינע מענטשן, ער האט גערעדט אין יראת שמים מיט זיינע אינגעלייט – נאך אין יענע יארן, און ער איז געווארן מקורב צו אונז.

פון וואנעט האט זיך דאס גענומען (- התקרבותו)? ער איז געווארן אן אידעם אין אומאן. איז דער שווער האט געהאט מיט אים א שיעור אלע טאג און אים געזאגט: 'דו זאלסט נישט ארייננגיין אין ברסלב'ער שול, דו זאלסט נישט ארייננגיין אין ברסלב'ער שול' - אלע טאג האט ער מיט אים גערעדט. זאגט ער: איך גיי דאך

---

[נח] עלים לתרופה מכתב קע"א.

נישט, וואס ווילט איר פון מיר? און ער האט אזוי פיל גערעדט, אז ער האט געזאגט: 'לאמיר זעהן וואס איז דארטן - וואס איז דארטן וואס מען זאגט אויף איר אָן אזוי פיל אז איך זאל נישט אריינגיין'...

- איז ער אריינגעגאנגען - (דאס איז געווען) אין די ת"ר-למ"ד'ן, דעמאלט איז געווען ר' אברהם ר' נחמן'ס בימי חורפו - און ער האט אים דערזעהן, איז ער ארויפגעגאנגען מיט אים אויבן אין דער עזרת נשים, און ער האט מיט אים אפגעלערנט די תורה פון "ט' תיקונים" (ליקוטי מוהר"ן סי' כ') מיט די "מראה"[נט] - די מראה וואס איז דארטן דא, און, ער האט אים מקרב געווען.

(וכשנודע למשפחתו) איז געווארן אזא מין געשריי אין אומאן, אז מען האט ממש מתיר געמאכט מען זאל אים הרג'ענען...

ר' נחמן טולטשינער האט געזען אז עס איז שלעכט, האט ער אים אוועקגעשיקט צו א דארף 'סטאַפּאַטשיק' , א דארף נישט ווייט פון אומאן. עס איז געווען דארטן איינער פון אונזערע מענטשן, אביסל א פארמעגליכער - ר' ישראל 'סטאַפּאַטשיק' איז ער געווען - פון רבי נתן'ס מענטשן. (האט ער אים) אוועקגעשיקט דארטן מיט א בריוו - געשריבן ווער דער אינגערמאן איז.

אז ר' פנחס איז אריינגעקומען, האט ער אים געטראפן ווי ער האט געדאווונט מנחה, און ער האט געזאגט די קטורת פאר מנחה מיט אזא מין דביקות צום אויבערשטן - ער האט געהאלטן ביי די ווערטער "ולמה אין מערבין בה דבש, מפני שהתורה אמרה". האט ער אים געהערט זאגן די ווערטער מיט אזא מין דביקות: "ולמה אין מערבין בה דבש מפני שהתורה אמרה!" "שהתורה אמרה!" - עטליכע מאל איבערגע'חזר'ט. 'רבונו של עולם! זאגן די קטורת מיט אזא מין דביקות צום אויבערשטן!'

---

[נט] עי' חיי מוהר"ן פ"ג.

אז ער האט אפגעדאוונט א מנחה, האט ער אים נאכדעם געגעבן דעם בריוו פון ר' נחמן טולטשינער, האט ר' ישראל געזעהן ווער ער איז. (אמר לו:) 'איר וועט זיין דא, איר וועט לערנען מיט מיינע קינדער'. און ער איז געוועזן דארט א שטיקל צייט.

באלד נאכדעם איז דער שווער געשטארבן, איז געווארן בטל דער מחלוקת, דער אויבערשטער פירט דאך שוין דארטן סיבות. אבער דער אנהויב האט זיך אויך אנגעהויבן מיט אזא מין סארט (רעש) - ממש אויף הריגה, אבער די נקודת האמת איז עולה על הכל, דאס איז עולה על הכל! דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן אויף אונז.

❖

## אלע סארטן מקורבים

(השואל: ווי אזוי האט דער רבי געזאגט: וואו עס איז דא עפעס רעכטס איז מחוייב מקורב צו ווערן צו מיר?) **דער רבי האט אזוי געזאגט: "וואו עפעס רעכטס - איז מחוייב מקורב ווערן צו מיר!"**[ס]. און (לעומת זה אמר:) **"צו מיר ווערן מקורב אזעלכע מענטשן וואס דער שאול תחתיות איז פאר זיי קארג!"**[סא]. **האט דער רבי ביידע ווערטער געזאגט - ביידע ווערן מקורב: די וואס די שאול תחתיות איז פאר זיי קארג - גיט ער זיי א וועג - דערוועקן, שטארקן, התחזקות. און די ווייטער** (פאר די הויכע) **ווייזט ער "איה מקום כבודו" - אלע ווערן מקורב**[סב].

[ס] עי' חיי מוהר"ן רפ"ו.

[סא] עי' חיי מוהר"ן ש"י.

[סב] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ז', ז'; ובסי' ס"ח.

- און ווער זענען 'מיר'? מען קען נישט זאגן אונז צו אראפוואַרפן אז דער שאול תחתיות איז פאר אונז קארג, אבער אויך נאך נישט 'וואו עפעס רעכטס' וכו', (מיר זענען פון) די מיטעלע, די בינונים[סג].

(השואל: וואס איז דער פשט 'מחוייב'? עס וואלט געדארפט זיין אזוי, אדער עס איז אזוי?) **עס דארף אזוי זיין...**

על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מוה"ר **ישראל אהרן כ"ץ** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
לרגל נישואי בנו החה"ח **יהושע** נ"י
למזל טוב

מוה"ר **חיים משה שעהר** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל הולדת הבת
למזל טוב

לעילוי נשמת
מו"ה **יעקב**
ב"ר **שמואל הכהן** ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א
ת.נ.צ.ב.ה

לעילוי נשמת מרת **רוחמה שרה** ע"ה ב"ר **יצחק** הי"ו. נלב"ע י"ב שבט תשע"ט. ת.נ.צ.ב.ה

---

[סג] עי' עלים לתרופה מכתב תנ"ה: "ותדע ותאמין שכל מה שעובר עליך כבר עבר על כמה וכמה צדיקים גדולים וכשרים כאשר שמעתי מפיו הקדוש מעשיות נוראות בענין זה שאי אפשר לבארם על פני השדה, וגם עתה עוברים יותר ויותר מזה על כמה וכמה, ויש בזה כמה בחינות, צדיקים ורשעים, גדולים וקטנים ובינונים, והעיקר המרירות על אותם שהם בבחינת בינונים נגד העולם, **כגון אנן וכגון אתה, שאיך שהוא, אין אתה בכלל רשעים חס ושלום, ולא בכלל צדיקים, רק בכלל בינונים שגם בהם יש אלפים ורבבות מדריגות עד אין מספר".**